דעם 31סטן יולי 1978

ליבער פֿרײַנד סוצקעװער,

קודם-כּל, א האַרציקן דאַנק אײַך פֿאַרן געדענקען אין מיר. די צוגעשיקטע פֿאַרגניזהטע לידער -- אַפּאָקאַליפּטישע װײגעשרײען -- װאַרפֿן אַן אַנדער שײַן ניט נאָר אויף אײַער װאָרטשאַפֿונג, נאָר אויפֿן גאַנצן געטאָ-גיהנום. „דער צירק" איז דער פּאָעטישער און אידעישער המשך פֿון האַלפּערנס „א נאַכט"; דער לעצטער טויטנטאַנץ פֿאַר אַלע צײַטן. איך פֿאַרהאָף אַז מיטן פּובליקירן אָט די מוראדיקע לידער, װעט איר זיך קענען באַפֿרײַען אײן מאָל פֿאַר אַלע מאָל פֿונעם חורבן-דיבוק. דװקא אין א צײַט װען אַלע ציטערן מיר פֿאַר א נײַעם אומקום, נײטיקן מיר זיך אין אײַערן א פֿרײדיק, שפּרודלדיק ליד!

בײַגעלײגט אַן אַרבעט, און דװקא א סאָלידע, װעגן פּרצעס זכרונות. מײַן אַמביציע איז, זי זאָל גײן אינעם רובריק „פֿאָרשונגען און מאַטעריאַלן אַאַז"װ". דאָס װאָס עס פֿעלן לחלוטין הערות איז א סימן ניט פֿון אימפּרעסיאָניסטישער קריטיק נאָר פֿון א פֿרײַװיליקן צװאַנג -- עלעהײ די סאָנעט-פֿאָרעם בײַ א דיכטער -- װאָס איך האָב אָנגענומען אויף זיך בײַם שרײַבן. אַחוץ דעם װאָלט איך װעלן רעצענזירן גלאַטשטײנס באַנד עסײען <u>פּראָסט און פּשוט</u> װאָס איז נאָר װאָס אַרויס. גיט צו װיסן װעגן דעם.

כ'האָב אָפּגענומען פֿון אײַך א גרוס דורך דנען. װי געװײנטלעך, האָט ער אויפֿגעלעבט אונדזער ײִדיש-װינקל מיט זײַן קומען.

אַל דאָס גוטס,
אײַער